מִדוֹת [1], האָט ער זי גע׳גט און גענומען אַן אַנדער פרוי.

נאָך מיט דריי יאָהר שפּעטער איז אַבְרָהָם ווידער אַוועק אין מִדְבָּר, צו זעהן וואָס מאַכט יִשְׁמָעֵאל, און שָׂרָה האָט איהם ווידער בעשוואוירען, ער זאָל דאָרט ניט אַראָפּ פון קעמעל.

קומט ער אין מִדְבַּר פָּארן און טרעפט יִשְׁמָעֵאל׳ס צווייטע פרוי און פרעגט זי:

— וואו איז יִשְׁמָעֵאל?

— אַוועק וויַיט אין מִדְבָּר, פיטערען די קעמלען.

— גיב מיר אַ ביסעל וואַסער מיט אַ שטיקעל ברויט, דען איך בין הונגעריג און דאָרשטיג און מיעד פון וועג.

האָט זי באַלד אַרויסגעטראָגען ברויט מיט וואַסער און איהם געגעבען עסען און טרינקען, און אַבְרָהָם האָט זי געבענשט.

און די בְּרָכָה איז מְקוּיָם געוואָרען. אַז יִשְׁמָעֵאל איז געקומען, האָט איהם די פרוי דערצעהלט, וואָס דאָ איז געשעהן, האָט ער פערשטאַנען, אַז זיַין פאָטער איז איהם נאָך ביז היַינט געטריַי געבליבען און אין איהם נישט פערגעסען.

## עֲקֵדַת יִצְחָק [2].

דער שָׂטָן איז געקומען צום אויבערשטען און איהם געזאָגט: דער אַלטער האָט צום זוהנ׳ס אַנטוויַינען געמאַכט אַ מאָהלציַיט פאַר דער גאַנצער וועלט, און דיר, רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, אַפילו קיַין טויב ניט געאָפּפערט.

ענטפערט גאָט: די גאַנצע שִׂמְחָה ביַי איהם איז צוליעב דעם קינד, ווען איך הייס איהם אָפּפערען דאָס קינד, וועט ער אויך פאָלגען.

איז גאָט געקומען צו אַבְרָהָם׳ן און איהם געזאָגט:

— אַבְרָהָם, דיר שטעהט־פאָר אַ שווערער נִסָיוֹן. וועסטו איהם ביַי־שטעהן?

— פּרוב, רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם...

— נעהם נור דיַין זוהן...

— צוויי האָב איך...

— דעם איין און איינציגען...

— ביידע זענען בְּנֵי־יְחִידִים ביַי זייערע מוטערס.

---

[1] זיטען. [2] דאָס בינדען יצחק׳ן אויפ׳ן מזבח פאַר אַ קרבן.

— דעם, וואָס די האָסט ליעב...

— איז דען אין אַ פּאָטערס האַרץ דאָ גרעניצען?

— יִצְחָק'ן! און ברייינג איהם פאַר אַ קָרְבַּן עוֹלָה.

טראַכט אַבְרָהָם ביי זיך: וואָס זאָל איך טהון? זאָגען שָׂרָה'ן—וועט זי ניט לאָזען: ווייבער האָבען אַ ווייך האַרץ! אַרויס'גַנְבֶ'נען איהם — האָב איך מוֹרָא: ווי זי וועט זיך אַרומקוקען, אַז דאָס קינד איז ניטאָ,—קען זי זיך דאָס לעבען נעהמען. איז ער זיך מְיַשֵׁב, קומט און זאָגט צו שָׂרָה'ן:

— מאַך גרייט אַ גוטען מיטאָג, מיר וועלען זיך הײַנט פרעהען.

— וואָס איז מיט דיר די שִׂמְחָה?

— אַלע טאָג מעגען מיר זיך מְשַׂמֵחַ זײַן. אויף דער עלטער אַזאַ נַחַת, אַ זוהן...

מאַכט זי גרייט אַ סְעוּדָה.

אין מיטען דער סְעוּדָה גיט אַבְרָהָם אַ זאָג: דו ווייסט, אַלטע, איך צו דרײַ יאָהר האָב שוין דערקענט דעם בּוֹרֵא עוֹלָם [1], און אונזער קינד איז שוין אַ דערוואַקסענער און ער ווייסט נאָך פון גאָר נישט. איך רעכען איהם איצט אַוועקפיהרען ערגיץ אין אַ אָרט, ער זאָל זיך דאָרט לערנען.

— שוין טאַקי צײַט. פיהר איהם אַהין געזונדערהייד!

אויף מאָרגען איז אַבְרָהָם אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, און אַוועק, ווען שָׂרָה איז נאָך געשלאָפען, ווײַל ער האָט מוֹרָא געהאַט, טאָמער וועט זי דערווײַל חֲרָטָה האָבען און דאָס קינד ניט וועלען אָפּלאָזען.

און מיטגענומען האָט ער צוויי יונגען: אֱלִיעֶזֶר'ן מיט יִשְׁמָעֵאל'ן, זיי זאָלען היטען די עזלען אין מיטען וועג, און אַליין איז ער אַוועק מיט יִצְחָק'ן צום באַרג מוֹרִיָה.

האָבען ביידע יונגען אָנגעהויבען צו שפּאַרען זיך. יִשְׁמָעֵאל זאָגט: יִצְחָק'ן וועט מען אָפּפערען, — בלייב איך דער עלטסטער זוהן און דער איינציגער יוֹרֵשׁ! און אֱלִיעֶזֶר זאָגט: דיך האָט דער פאָטער פערטריבען און אָפּגעזאָגט פון יְרוּשָׁה, איך אָבער בעדיען איהם בייטאָג און ביינאַכט,— וועל איך דער יוֹרֵשׁ זיין. געהט אַרויס אַ בַּת־קוֹל פון הימעל און רופט אויס: ניט דער וועט יַרְשׁ'ענען, ניט — יענער!

קומט דער שָׂטָן אַנקעגען אַבְרָהָם'ן פערשטעלט ווי אַן אַלטער מאַן און פרעגט:

---

1) דעם בעשאַפער פון דער וועלט.



וואוהין געהסטו?

— איך געה מִתְפַּלֵל זיין.

— צו וואָס־זשע דאַרפסטו אַ חַלָף מיט האָלץ און פייער?

— אֶפְשַׁר וועלען מיר זיך דאָרט פערזוימען, וועלען מיר שעכטען און באַקען און עסען.

— אוי דו אַלטער נאַר!—מאַכט צו איהם דער שָׂטָן—איך ווייס וואוהין דו געהסט. קוים צו הונדערט יאָהר דערלעבט אַ קינד — ווילסטו איהם איצט אומברייינגען!

— גאָט האָט אַזוי בעפוילען.

ווייזט זיך דער שָׂטָן צו יִצְחָק'ן אין געשטאַלט פון אַ יונגענמאַן און פרעגט:

— וואוהין געהסטו?

— לערנען תּוֹרָה.

— לעבעדיגער־הייד, צי נאָכ'ן טויט?...

— וואָס הייסט נאָכ'ן טויט?

— אוי, אַ רַחְמָנוּת אויף דיר, אַ רַחְמָנוּת אויף דיין מאַמען! וויפיעל תַּעֲנִיתִים האָט זי נעביך געפאַסט, וויפיעל טרעהרען פערגאָסען, ביז זי האָט דיך געבוירען! איצט איז דער אַלטער פון זינען אַראָפּ, און פיהרט דיך צו דער שְׁחִיטָה!

— דעם טאַטענס ווילען איז מִסְתָּמָא גאָט'ס ווילען—האַקט איהם אָפּ יִצְחָק, און ווענדענדיג זיך צו אברהם'ן זאָגט ער: הער נור, טאַטע, וואָס דער זאָגט!

— ווייס איך, מאַך זיך דערפון נישט אויסען.

ווי דער שטן האָט געזעהן, אַז ער קען זיי ניט איבערעדען, נעהמט ער און פערוואַנדעלט זיך אין אַ טיעפען טייך און פערצוימט זיי דעם וועג. איז אַברהם אַריין ביז די קָנִיָה אין וואַסער און געזאָגט די יונגען: געהט מיר נאָך. דאָס וואַסער אָבער האָט זיך וואָס ווייטער מעהר אויפגעהויבען און אין מיטען טייך האָט עס דערלאַנגט ביז'ן האַלז.

—רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם!—האָט אברהם אויסגעשריגען אויפהעבענדיג די אויגען צו'ם הימעל—איך געה אין דיין שְׁלִיחוּת, הייליגען דיין נאָמען וויל איך, העלף מיר אַרויס, „בָּאוּ מַיִם עַד נֶפֶשׁ” — דאָס וואַסער דערלאַנגט שוין ביז'ן האַלז!

האָט גאָט אָנגעשריגען אויפ'ן טייך—און ער האָט באַלד אויסגעטריקענט. ווייזט זיך דער שָׂטָן ווידער צו אַברהם'ן און גיט איהם אַ זאָג: איך האָב אַ קלאָרע יְדִיעָה פון אויבען, אַז דיין גאַנצע מִיה איז אַרויסגעוואָרפען.

ס׳האָט זיִך אָנגעֶהויבּעֶן מיִט יִצחק׳ן און אויסלאָזעֶן וועֶט זיִך עֶס מיִט אַ שעֶפּס.

עֶנטפעֶרט איִהם אַברהם: אַ ליִגנעֶר האָט שוין אַזאַ מַזָל — עֶר מעֶג זאָגעֶן אֱמֶת גלויבּט מעֶן איִהם ניִשט.

איִן דעֶר צײַט האָט גאָט אַ וואונק געֶטהון צו די בּעֶרג וואָס ריִנגלעֶן־אַרום די טהאָל־געֶגענד, זײַ זאָלעֶן זיִך צונויפנעֶהמעֶן און זיִך צוזאַמעֶנגיִסעֶן איִן איין בּאַרג, אַ הויכעֶר שעֶהנעֶר פּלאַץ וואו די שְׁכִינָה זאָל רוהעֶן.

אויפ׳ן דריִטעֶן טאָג הויבּט־אויף אַברהם די אויגעֶן און וועֶרט עֶרשטוינט: עֶר האָט די געֶגענד ניִט דעֶרקעֶנט.

— וואָס זעֶהסטו דאָרט איִן דעֶר ווײַט? — פרעֶגט עֶר יִצְחָק׳ן.

— איִך זעֶה אַ הויכעֶן שעֶהנעֶם בּאַרג מיִט אַ וואָלקעֶן פעֶרשלײַעֶרט.

— און איִהר זעֶהט עֶפּיִס? — פרעֶגט אַברהם די יונגעֶן.

— גאָר ניִט זעֶהעֶן מיִר, הוילעֶ מִדְבָּרִיוֹת.

— אויבּ אַזוי — זאָגט זײַ אַברהם — בּלײַבּט איִהר מיִט׳ן עֵזעֶל זיִצעֶן דאָ...

„און אַברהם האָט געֶנומעֶן דאָס האָלץ פאַר׳ן קָרְבָּן און אַרויפגעֶלעֶגט אויף זײַן זוהן יִצחק" — און ס׳האָט אויסגעֶזעֶהן ווי אַ פעֶר׳מִשְׁפָּט׳עֶר צום טויט טראָגט זײַן קרײַץ־תְּלִיָּה אויפ׳ן אײַגעֶנעֶם אַקסעֶל.

ניִט־געֶזעֶהן איִן אַברהם׳ס האַנד קײַן זאַך פאַר אַ קָרְבָּן, איִז אַ גרויסעֶר שרעֶק בּעֶפאַלעֶן יִצחק׳ן.

— טאַטעֶ — האָט עֶר מיִט אַ ציִטעֶר געֶפרעֶגט — דאָ האָסטו האָלץ מיִט פײַעֶר, און די שעֶפּס צום קרבּן וואו איִז?

— דו בּיִסט עֶס, מײַן זוהן, גאָט האָט דיִך אויסגעֶוועֶהלט.

— אויבּ אַזוי איִז גאָט׳ס רָצוֹן, בּיִן איִך גרײַט. אויף דעֶר מאַמעֶן אָבּעֶר טהוט מיִר וועֶה דאָס האַרץ.

געֶקומעֶן אויפ׳ן אָרט, זאָגט יִצחק צו אַברהם׳ן:

— פאָטעֶר ליִעבּעֶר! טהו־אָפּ גיִכעֶר דײַן בּעֶשעֶפעֶר׳ס וויִלעֶן און פעֶרבּרעֶן מיִך גוט, און מײַן אַש גיִבּ אָפּ דעֶר מאַמעֶן — וועֶט עֶס איִהר זײַן אַ אַנדעֶנק פון איִהר געֶאָפּפעֶרטעֶן בֶּן־יָחִיד, איִהר אײַנציִגעֶ טרעֶסט... טאַטעֶ, וואָס וועֶט איִהר טהון אויף די עֶלטעֶרעֶ יאָהרעֶן?

— מיִר וועֶלעֶן עֶס לאַנג ניִט אַריִבּעֶרטראָגעֶן — האָט אַברהם געֶענטפעֶרט — מיִר וועֶלעֶן אויך בּאַלד שטאַרבּעֶן. דעֶר גאָט, וואָס האָט אונז בּיִז איִצט געֶטרעֶסט, וועֶט אונז טרעֶסטעֶן בּיִז אונזעֶר טויט.

זאָגט יִצחק ווײַטעֶר:



— בּיִנד מיִר העֶנד און פיִס. ווײַל די נְשָׁמָה איִז פעֶרשײַט און שטעֶלט זיִך אַקעֶגעֶן, און אַז איִך וועֶל דעֶרזעֶהן דעֶם חַלֶף אויפ׳ן האַלז קעֶן איִך זיִך אַ צאַפּעֶל טהון און בּעֶקומעֶן אַ מום [1] — וועֶט דעֶר קָרְבָּן פָּסוּל וועֶרעֶן.

האָט איִהם אַברהם געֶבּונדעֶן, און יִצחק בּעֶט זיִך ווײַטעֶר:

— זאָג ניִט אָן דעֶר מוטעֶר, בְּעֵת זי שטעֶהט בּײַ׳ם בּרונעֶן אָדעֶר אויפ׳ן דאַך, ווײַל זי קעֶן זיִך נאָך פון גרויס צַעַר דאָס לעֶבּעֶן נעֶהמעֶן.

האָט איִהם אַברהם אַרויפגעֶלעֶגט אויפ׳ן מִזְבֵּחַ מיִט׳ן פָּנִים אַרויף און געֶנומעֶן דעֶם חַלֶף איִן האַנד.

טיִעף האָט זיִך יִצחק פעֶרקוקט איִן די הויכעֶ בּלויעֶ היִמלעֶן, און טיִעף האָבּעֶן זיִך אײַנגעֶקוקט די אויגעֶן פון טאַטעֶן איִן די אויגעֶן פונ׳ם זוהן. מיִט שטיִלעֶ טרעֶהרעֶן האָט זיִך אַברהם בּעֶגאָסעֶן.

די האַנד זײַנעֶ, אויפגעֶהויבּעֶן איִבּעֶר׳ן זוהנ׳ס האַלז, האָט אַ ציִטעֶר געֶטהון און דעֶר חלף איִז דורכ׳ן שָׂטָן׳ס אַ שטויס פון האַנד אַרויסגעֶפאַלעֶן. אַברהם האָט זיִך אײַנגעֶבּויגעֶן איִהם אויפצוהײבּעֶן — און אַ בּיִטעֶר געֶוויין האָט זיִך בּײַ איִהם פון האַרצעֶן אַרויסגעֶריִסעֶן. פעֶרצווייפעֶלט איִז עֶר מיִט׳ן מעֶסעֶר איִן האַנד שטעֶהן־געֶבּליִבּעֶן, געֶזוכט מיִט די אויגעֶן די שְׁכִינָה אויף די בּעֶרג, אויף היִלף פון דאָרט אַרויסגעֶקוקט.

איִן דעֶר מינוּט האָט זיִך דעֶר היִמעֶל געֶשפּאַלטעֶן און יִצחק האָט דורכ׳ן נעֶבּעֶל [2] דעֶרזעֶהן, ווי די מַלְאָכִים שטעֶהעֶן שורות־ווײַז און ווײַנעֶן מיִט פײַעֶרדיִגעֶ טרעֶהרעֶן, בּעֶטעֶן רַחֲמִים אויף אַברהם׳ס בֶּן־יָחִיד.

בּאַלד איִז אַרויס אַ בַּת־קוֹל און אויסגעֶרופעֶן:

— שטרעֶק ניִט אויס דײַן האַנד צום קיִנד, און טהו איִהם גאָרניִט!

פרעֶגט אַברהם:

— ווער בּיִסטו!!

— אַ מַלְאָךְ!

— אויבּ אַזוי — עֶנטפעֶרט אַברהם — פאָלג איִך ניִט. גאָט אַליין האָט מיִר געֶהייסעֶן: אָפּפעֶר דײַן קיִנד, — זאָל עֶר אַליין קומעֶן און אָפּרופעֶן זײַן בּעֶפעֶהל.

האָט גאָט בּאַלד געֶעֶפעֶנט דעֶם היִמעֶל און צושפּרײט דעֶם נעֶבּעֶל און געֶזאָגט צו אַברהם׳ן:

---

1) אַ שעֶדיִגונג, וועֶרעֶן אַ קאַליִקעֶ אויף אַ וועֶלכעֶן אבר. 2) טומאַן, נעֶדיִכטעֶ דאַמפּף איִן דעֶר לופטעֶן.

— איך שווער בײַ מײַן נאָמען, אַז פאַר דײַן גוטען ווילען וועל איך דיך בענשען און דײַנע קינדער וועלען זײַן ווי די זאַמד בײַ'ם ברעג יַם אָהן אַ שיעור און אָהן אַ צאָהל.

זאָגט אַברהם:

— דו האָסט געשוואָרען — שווער איך אויך: איך וועל ניט אָפּטרעטען פון דאַנען, ביז דו וועסט ערפילען מײַן געבעט! אַז מײַן יִצחק'ס קינדער וועלען זינדיגען, און צרות וועלען אויף זיי קומען, זאָלסטו זיך דערמאַהנען די עֲקֵדָה און פערגעבען זייערע זינד און אויסלייזען זיי פון אַלע צָרות.

ענטפערט גאָט:

— דו האָסט דײַנס געזאָגט און איך וועל זאָגען מײַנס: אַז דײַנע אייניקלעך וועלען פערזינדיגטע זיך שטעלען פאַר מײַן מִשְׁפָּט אין ראש־הַשָּׁנָה, און וועלען בעטען איך זאָל זיי דעם זְכוּת [1] פון עֲקֵדָה דערמאָהנען, זאָלען זיי בלאָזען מיט דעם שׁוֹפָר.

— וועלכען שופר?

— קוק זיך אום — וועסטו זעהן.

האָט אַברהם דערזעהן אַ ווידער [2], פערפלאָנטעט מיט די הערנער אין אַ צווײַג; קוים זיך אַרויסגעריסען, — און ווײַטער זיך פערפלאָנטעט פון צווײַג צו צווײַג, פון שטרויך [3] צו שטרויך, פון בוים צו בוים.

און גאָט האָט געזאָגט צו אַברהם'ן:

— אַזוי וועט מיט דײַנע קינדער פּאַסירען: פערפלאָנטעט אין זינד און פערדרעהט מיט אַלע אומות און קעניגרײַכען: פון בָּבֶל אין מָדַי, פון מדי אין יָוָן [4], פון יון אין אֱדוֹם [5] ...

— רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! שוין־זשע וועט עס אַזוי אייביג דויערען?!

— ניין! צולעצט וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען בײַ'ם שאַל פון דעם ווידער־האָרן:

„נאָט וועט מיט'ן שופר שאַלען,

און ערשײַנען מיט'ן שטור'ם־ווינד פון דרום".

# אַבְרָהָם'ס טויט.

אַ טײַערער ברילִיאַנט איז געהאַנגען בײַ אַברהם'ן אויפ'ן האַלז, ווי אַ

1) פערדינסט. 2) באַראַן. 3) קוסט, נידעריג בוימעלע. 4) גריכען־לאַנד 5) רוים.